**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט באדייטנדע אויסברייטערונג ביי אייז קרעם פאבריק אין דאָנקירק

***Wells Enterprises'ס נייע מעניופעקטשורינג איינריכטונג וועט אויפהאלטן 401 דזשאבס און שאפן מער פון 200 נייע דזשאבס פאר די פראדוקציע פון אייז קרעם און ספעציעלע פארפרוירענע פראדוקטן***

***זעהט געמאלענע דעזיין פון די ערשט-קלאסיגע פאבריק [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז Wells Enterprises פלאנירט צו אויסברייטערן איר מעניופעקטשורינג פאבריק אין דאָנקירק, מאכנדיג א באדייטנדע אינוועסטירונג צו אויפשטעלן אן ערשט-קלאסיגע אייז קרעם איינריכטונג אויף איר יעצטיגע פראפערטי. דער פראיעקט וועט ערלויבן די פירמע צו צולייגן מער פון 200 נייע דזשאבס און אויפהאלטן 401 עקזיסטירנדע פול-טיים דזשאבס. ניו יארק סטעיט שטיצט דעם פראיעקט מיט ביז אזויפיל ווי 10 מיליאן דאלאר אין עקסעלסיאָר דזשאבס פראגראם טעקס קרעדיטס און מיט א 6 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ( Empire State Development, ESD) אין אויסטויש פאר צוזאגן צו שאפן דזשאבס און אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור. די שעטאַקווע קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור ( Chautauqua County Industrial Development Agency, CCIDA) ארבעט אויך צוזאמען מיט די פארוואלטונג מאנשאפט פון Wells צו צושטעלן די שטיצע וואס איז נויטיג כדי די פירמע עקזעקיוטיוון זאלן אפציעל ערמעגליכן דעם פראיעקט צו פאראויס גיין.

"די נייע ערשט-קלאסיגע אייז קרעם מעניופעקטשורינג איינריכטונג אין שעטאַקווע קאונטי וועט שאפן דזשאבס און אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס פאר יארן אין די צוקונפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט איז א געווינס פאר הונדערטע פאבריק ארבייטער, א זיג פאר פילע לאקאלע ביזנעס שותפים וועלכע בענעפיטירן פון די איינריכטונג און א וויכטיגע געשיכטע פון הצלחה פאר די ראיאן'ס עקאנאמיע אין אלגעמיין."

**ליאם קילין, CEO פון Wells Enterprises, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר באגייסטערט צו ארויפבויען אויף די שטארקייט פון אונזער מאנשאפט אין דאָנקירק, און מיר זעצן פאר צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי צו וואקסן און פארברייטערן אונזערע אפעראציעס דא. די אינוועסטירונג אין דאָנקירק ווייזט ארויס די געפיל וואס מיר האבן פארן צושטעלן די בעסטע אייז קרעם פראדוקטן פון א הויכע קוואליטעט וועלכע ברענגען פרייד פאר קונדן ארום די וועלט. די פלאנירטע אויסברייטערונג ווידערהאלט אויך אונזער איבערגעגעבנקייט צו אונזער מאנשאפט, אונזערע קונדן און די קאמיוניטי אלץ א קריטישע חלק פון די לאנג-טערמיניגע צוקונפט פון אונזער פירמע."

די דאָנקירק מעניופעקטשורינג איינריכטונג וואס געפונט זיך אויף 1 Ice Cream Drive שפילט א וויכטיגע ראלע אין די פירמע'ס אויסברייטערונג פלענער פאר אירע נאציאנאלע מעניופעקטשורינג

נעטווארק פון אירע Blue Bunny, Halo Top, Bomb Pop און Blue Ribbon Classic ברענדס. די אויסברייטערונג איז ערוואַרטעט צו מער פון טאפלען די פאבריק'ס יעצטיגע פראדוקציע קאפאציטעט און העלפן שטיצן די פירמע'ס אנגייענדע פלענער פאר וואוקס אין ספעציעלע און געפאקטע אייז קרעם, בשעת'ן ערמעגליכן צוקונפטיגע ערפינדונגען.

קאנסטרוקציע וועט זיך אנהויבן אויף די נייע איינריכטונג אין די לעצטע פערטל פון 2023. עס וועט אריינרעכענען גענצליך נייע פראדוקציע ליניעס, קאלטע סטארעדזש און פלאץ פאר אדמיניסטראטיווע אפיסעס. Wells וועט פארזעצן צו פאבריצירן אייז קרעם פראדוקטן אין די עקזיסטירנדע איינריכטונג אין די צייט וואס קאנסטרוקציע אויף די נייע פאבריק איז אונטערוועגנס.

די פירמע'ס הצלחה ווערט שטארק געשטיצט דורך לאקאלע מילכיגס פארמער וועלכע שטעלן צו די רוב פון די פליסיגע מילך וואס ווערט גענוצט ביי די איינריכטונג היינט צוטאגס. די פלאנירטע אויסברייטערונג וועט פארזעצן צו אויסנוצן מיליאנען פון פונט פון מילכיגס יערליך. די צאל איז ערוואַרטעט צו וואקסן צוזאמען מיט די אלגעמיינע מאס געגעסענע אייז קרעם. *Fortune Business Insights* שאצט אז די גלאבאלע אייז קרעם מארקעט וועט אנקומען צו 104.96 ביליאן דאלאר אין 2029, ארויף פון 71.52 ביליאן דאלאר אין 2021 — א 46 פראצענטיגע שפרינג אין ווייניגער פון צען יאר צוליב די וועלט'ס גלוסט פאר אייז קרעם.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "צוזאמען האבן מיר געטוישט די געשיכטע פון דאַנקירק פון א ריזיגע פארלוסט צו א ריזיגע געווינס. די קאנסטרוקציע פון Wells'ס נייע ערשט-קלאסיגע אייז קרעם פאבריק וועט צולייגן הונדערטע דזשאבס — עס איז א זיסע געווינס פאר די קאמיוניטי, און ESD איז שטאלץ צו האבן געשפילט א ראלע אין די פארהאנדלונגען. אפגעזעהן צו עס איז אייז קרעם, יאגורט אדער סעריעל איז די עסנווארג מעניופעקטשורינג אינדוסטריע א וויכטיגע באשטאנדטייל פאר אונזער עקאנאמיע. די נייע טעכנאלאגישע פראדוקציע איינריכטונג אין דאַנקירק איז א טעימה פון די דזשאב וואוקס און ביזנעס געלעגנהייט וואס ניו יארק איז אריבער אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט."

די Ferrero Group האט לעצטנס אפגעקויפט Wells Enterprises, אירע אפעראציעס און אייז קרעם ברענדס.

די צוויי ביזנעסער אין פאמיליע אייגנטום האבן א שטארקע היסטאריע פון הצלחה. Ferrero, געגרונדעט אין 1946, איז געוואקסן צו ווערן א גלאבאלע פירער אין זיסע געפאקטע עסנווארג, אריינרעכענענדיג זיסווארג, אייז קרעם, ביסקוויטן און סנעקס. Wells איז געווארן די וועלט'ס גרעסטע אייז קרעם פירמע אין אייגנטום און פארוואלטונג פון א פאמיליע זינט עס איז געגרונדעט געווארן אין 1913 אלץ א מילכיגס דעליווערי ביזנעס.

**מארק גייס, CEO פון די קאונטי אָוו שעטאַקווע אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור, האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז די CCIDA האט געקענט ארויסהעלפן די Ferrero Group און Wells Enterprises ביים ברענגען דעם באגייסטערנדן פראיעקט צו אויסגעפירט ווערן. זיי זענען געווען א געוואלדיגע שותף, און איך בין דאנקבאר אז זיי אנערקענען די קוואליטעט פון די ארבעטסקראפט אין דאַנקירק און אז זיי האבן באשלאסן צו מאכן זייער אינוועסטירונג דא אין אונזער קאמיוניטי."

די אייז קרעם פאבריק וועט אויך פארזעצן צו אויסנוצן Americold'ס נייע קאלטע סטארעדזש דיסטריביושען איינריכטונג וואס געפונט זיך אין די טאון אָוו דאַנקירק און שטעלצט צו גאר-נויטיגע סטארעדזש פאר די עסנווארג סופליי טשעין אין די ראיאן. Americold'ס 41 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט איז געשטיצט געווארן דורך ביז אזויפיל ווי $700,000 אין טעקס קרעדיטס דורך דעם

עקסעלסיאָר דזשאבס פראגראם וואס ווערן געגעבן באזירט אויף רעזולטאטן אין אויסטויש פאר דאס שאפן 60 פוּל-טיים דזשאבס.

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש בארעלאָו האט געזאגט,** "Wells Enterprises'ס פארברייטערטע אינוועסטירונג אין אונזער ראיאן איז א געוואלדיגע געווינס וואס וועט שאפן דזשאבס, פארשטערקערן די פארלאנג פון אונזערע מילכיגס פארמער און באריייכערן אונזערע לאקאלע עקאנאמיע. מיר איר שטארקע פאזיציע אין די עסנווארג פראצעסירונג אינדוסטריע, האט דאָנקירק די נויטיגע אינפראסטרוקטור און ארבעטסקראפט צו קענען שטיצן די באגייסטערנדע אויסברייטערונג. מיין הכרת הטוב גייט ארויס פאר די גאווערנער, די מאנשאפט ביי עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און אלע לאקאלע שותפים וועלכע האבן געארבעט דאס צו מאכן געשעהן. עס איז עדות צו די געוואלדיגע זאכן וואס קענען ערגרייכט ווערן דורך צוזאמענארבעט."

**אסעמבלי מיטגליד ענדרוד גוּדעל האט געזאגט,** "די אייז קרעם פאבריק וואס ווערט אויפגעהאלטן דורך Wells איז געווען אן עקסטרעם וויכטיגער חלק פון די עקאנאמיע פון צפון שעטאַקווע קאונטי פאר פילע צענדליגע יארן. עס איז גאר באגייסטערנד צו זעהן די באדייטנדע אינוועסטירונג און די באגלייטנדע העכערונג אין באשעפטיגונג. דער פראיעקט וועט העלפן זיכער מאכן אז די איינריכטונג וועט פארזעצן פאר פילע יארן צו מאכן אייז קרעם און ספעציעלע פראדוקטן פון א הויכע קוואליטעט מיט אן ערליך-פארדינטע רעפוטאציע אז עס האט א גוטע טעם!"

**שעטאַקווע קאונטי עקזעקיוטיוו, פּי. דזשעי. ווענדעל, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו זעהן Wells'ס לאנג-טערמיניגע פארפליכטונג צו שעטאַקווע קאונטי און די סיטי אָוו דאָנקירק, ניו יארק. מיט די פארגעשלאגענע פלאן פון Wells וואס איז לעצטנס אפגעקויפט געווארן דורך די Ferrero Group, איז דאס זעהן א גלאבאלע פירמע פלאן צו מאכן די באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי אן עדות איבער די קוואליטעט פון שעטאַקווע קאונטי'ס לאקאלע ארבעטסקראפט. איך וויל אויך באדאנקען די קאונטי אָוו שעטאַקווע אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור, אונטער די אויפזיכט פון דעפיוטי קאונטי עקזעקיוטיוו פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג און טשיף עקזעקיוטיוו אפיסער מארק גייס, פאר זייער שווערע ארבעט צו מאכן דעם פראיעקט פאר א מעגליכקייט."

**סיטי אָוו דאָנקירק מעיאר ווילי ראָזעס האט געזאגט,** "די סיטי אָוו דאָנקירק איז באגייסטערט פאר Wells Enterprises'ס 21'סטע יאר הונדערט איבערבויאונג און אויסברייטערונג. מיר זענען פרייליך פאר די הונדערטע שווער-ארבעטנדע ארבייטער יעצט אין Wells – און פאר די הונדערטע וועלכע וועלן צוקומען מיט די פלאנירטע אויסברייטערונג – וועלכע קענען פלאנירן און ארויפבויען אויף א דור פון שיין-באצאלטע דזשאבס. די דזשאבס וועלן העלפן אנפילן אונזערע סקולס, שאפן נאך ווערט אין אונזער שטאט און ערלויבן די ארבייטער און זייערע פאמיליעס צו וואוינען, ארבעטן און בליהען דא אין אונזער קאמיוניטי."

פאר נאך אינפארמאציע איבער די Ferrero Group, באזוכט ביטע [https://www.ferrero.com/](https://www.ferrero.com/).

נאך אינפארמאציע איבער Wells Enterprises קען געזעהן ווערן אויף [https://wellsenterprisesinc.com/](https://wellsenterprisesinc.com/).

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און ערגרייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע

עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט אויפזען די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט ביטע www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן